**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 234 מיליאן דאלאר אין צוגעגעבענע עסנווארג הילף פאר ניו יארקער פאר יוני

***אלע SNAP הויזגעזינדער וועלן באקומען די מאקסימום מאס עסנווארג בענעפיטן דעם חודש***

***צוגעגעבענע עסנווארג בענעפיטן העלפן באלד 2.8 מיליאן ניו יארקער פארמיידן עסנווארג-נויט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז אלע ניו יארקער איינגעשריבן אין דעם ׳סופלעמענטאל ערנערונג הילף פראגראם׳ וועלן באקומען די מאקסימום סומע ערלויבט פאר עסנווארג בענעפיטן פאר יוני. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די מאקסימום סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סכום דעם חודש, און אלס רעזולטאט וועט אריינפליסן בערך 234 מיליאן דאלאר פון פעדעראלע געלטער אין דער ניו יארק סטעיט עקאנאמיע.

״צופיל הויזגעזינדער ראנגלען זיך מיט עסנווארג-אומזיכערקייט, און אין פילע פעלער זענען די ראנגלענישן א דירעקטער רעזולטאט פון די עקאנאמישע קאסטן אנגעברענגט דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אזוי ווי מיר בויען ווייטער איבער אונזער סטעיט׳ס עקאנאמיע נאך בעסער ווי פריער, וועלן די מאקסימום עסנווארג בענעפיטן העלפן שטעלן עסנווארג אויף ניו יארקער טישן, און גלייכצייטיג צושטעלן פאר ארטיגע געשעפטן און פארבינדענע ביזנעסער מיט א געוואונשענע איינפליסונג פון קאפיטאל.״

די עמערדזשענסי הילף צוגאב ווערט צוגעשטעלט פאר אלע הויזגעזינדער, אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין געווענטליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP, א פעדעראל-פינאנצירטער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורכ׳ן סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף. יענע הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט סומע — 835 דאלער פאר א הויזגעזינד מיט פיר מיטגלידער — וועלן באקומען א צוגעגעבענע סומע פון ווייניגסטנס 95 דאלער.

SNAP הויזגעזינדער אין אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי דארפן זען די עקסטערע בענעפיטן אריינקומען צווישן היינט און פרייטאג, יוני 17. די יעניגע SNAP הויזגעזינדער אין דעם פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן זען זייערע בענעפיטן אריינקומען צווישן פרייטאג, יוני 17 און דאנערשטאג, יוני 30.

SNAP שפילט א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק׳ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג און האט געברענגט אן איינשפריץ פון איבער 1 ביליאן דאלער אין דער סטעיט׳ס עקאנאמיע זינט יאנואר. יעדע פעדעראלע דאלאר אינוועסטירט דורך SNAP טרייבט ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א [פעדעראלע שטודיע](#) וועלכע האט אויסגע׳חשבון׳ט די השפעה פון SNAP אויף דער אמעריקאנער עקאנאמיע.

די בענעפיטן זענען אויך א קריטיש-וויכטיגער לעבנס-מיטל פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, וויבאלד ארום 14 פראצענט פון דער סטעיט׳ס באפעלקערונג האבן זיך פארלאזט אויף SNAP בענעפיטן פאריגעס יאר לויט א לעצטערע שטודיע. איבער האלב געשאנקענע הויזגעזינדער זענען געווען פאמיליעס מיט קינדער און ארום 48 פראצענט האבן אריינגערעכנט אן ערוואקסענעם איבער 55 אדער עמיצער וואס פארמאגט אן אומפעאיגקייט.

OTDA האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן די עמערדזשענסי בענעפיט צוגאב אין אפריל 2020 צו אזעלכע SNAP הויזגעזינדער וועלכע באקומען ווייניגער ווי די מאקסימום חודש׳ליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום באשטימטע סומע פאר אלע SNAP הויזגעזינדער ביז ווען עס לויפט אפ די פעדעראלע דעקלעראציע, וואס איז איצט ערווארטעט זיך אריינצוציען ביז אקטאבער.

ניו יארקער זענען נאך אלץ שווער אנגעוויזן אויף SNAP, מיט איבער 1.6 מיליאן הויזגעזינדער, אנהאלטנדיג 2.8 מיליאן ניו יארקער, לענגאויס דעם סטעיט וועלכע זענען געווען איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין אפריל.

ניו יארק סיטי האט געזען א קליינע פארמינערונג אין די צאל SNAP באקומער אין אפריל, נאך אויפשטייגן פיר חדשים נאכאנאנד. ארום 1.7 מיליאן מענטשן וועלכע וואוינען אין דער פינף-בארא געגנט זענען געווען א מיטגליד אין א SNAP הויזגעזינד אין אפריל.

אין פארגלייך, ערטער אויסער ניו יארק סיטי האבן צוגעזען א כסדר׳דיגע אויפשטייג אין די צאל SNAP באקומער זינט אוגוסט 2021. אנגעהויבן אפריל, זענען ארום 1.1 מיליאן מענטשן וואס וואוינען אויסער די פינף-קאונטי מעטראפאליטען ערטער א טייל פון א SNAP הויזגעזינד.

**דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאַבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״די מאקסימום עסנווארג בענעפיטן האבן געשפילט א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין העלפן ניו יארקער פארמיידן עסנווארג-נויט דורכאויס דער פאנדעמיע, און דאס האלט נאך אן ווייטער ביז היינט, בשעת אונזער עקאנאמיע זעצט פאר זיך צו ערהוילן. די צוגעגעבענע בענעפיטן באזארגן יחידים און פאמיליעס איבער׳ן סטעיט די הילפס-מיטלען נויטיג אויף צו לייגן געזונטע, ערנערנדע עסנווארג אויפ׳ן טיש יעדן חודש, בשעת מיר ערהוילן זיך געמיינזאם פון דעם פובליק געזונטהייט קריזיס.״

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געוועגטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

טרעפט מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי SNAP בענעפיט צוגאבן, אריינגערעכנט ענטפערס אויף אפט געפרעגטע פראגעס, דא. ניו יארקער פאראינטערעסירט אין זיך איינשרייבן קענען נאכקוקן זייער SNAP בארעכטיגקייט, ווי אויך זיך אנווענדן אָנליין, דורך גיין צו mybenefits.ny.gov.

###